# רֹאשׁ הַשָׁנָה





ארויסגעגעבן דורך:
**תלמוד תורה יטב לב דרב"י מסאטמאר**
**בני ברק**
כל הזכויות שמורות ©

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א
קרית יואל - בני ברק

# שאלות און ידיעות און ערקלערונגען אויף

# ראש השנה



תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

קרית יואל - בני ברק


בס״ד

# שְׁרֵייבּ אַרֵיין יֶעדֶע אוֹת בֵּיי זֵיין בִּילְד



○ ראֹשׁ הַשָּׁנָה ⓐ א



○ יוֹם הַזִּכָּרוֹן ⓑ ב




○ יוֹם תְּרוּעָה ⓖ ג




○ יוֹם הַדִּין ⓓ ד

בס"ד

# צו אַ פּאַס פון טָאג אִין חוֹדֶש צוּ זַיין טָאג...

| | |
|---|---|
| א' תִּשְׁרֵי | קוּמְט מֶען צוּרִיק אִין חֵדֶר בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת |
| ב' תִּשְׁרֵי | יוֹם טוֹב סוּכּוֹת |
| ג' תִּשְׁרֵי | הוֹשַׁעְנָא רַבָּא |
| ד' תִּשְׁרֵי | שִׂמְחַת תּוֹרָה |
| ח' תִּשְׁרֵי | שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִידוֹת |
| י' תִּשְׁרֵי | בּ' דְרֹאשׁ הַשָּׁנָה |
| ט"ו תִּשְׁרֵי | צוֹם גְּדַלְיָה (נִדְחֶה) |
| כ"א תִּשְׁרֵי | א' דְרֹאשׁ הַשָּׁנָה |
| כ"ב תִּשְׁרֵי | יוֹם כִּיפּוּר |
| כ"ה תִּשְׁרֵי | שַׁבָּת שׁוּבָה |

**וֶועלְכֶע טֶעג קֶען נִישְׁט אוּיסְקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה?**

- ☐ לֹא בְּגוּ רֹאשׁ
- ☐ לֹא אַדַז רֹאשׁ
- ☐ לֹא בְּהוּ רֹאשׁ
- ☐ לֹא אַדוּ רֹאשׁ

בס"ד

# צוּ אַ פַּס צוּ דִי רִיכְטִיגֶע בִּילְד



יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ
ה' אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ.
שֶׁתְּחַדֵּשׁ עָלֵינוּ
שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה:

יְהִי רָצוֹן מִלִּפְנֵי אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם,
שֶׁנִּהְיֶה לְרֹאשׁ וְלֹא לְזָנָב:





יְהִי רָצוֹן מִלִּפְנֵי אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם
שֶׁיִּרְבּוּ זְכֻיּוֹתֵינוּ:

יְהִי רָצוֹן מִלִּפְנֵי אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם
שֶׁיִּתַּמּוּ שׂוֹנְאֵינוּ:





יְהִי רָצוֹן מִלִּפְנֵי אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם,
שֶׁנִּפְרֶה וְנִרְבֶּה כַּדָּגִים:

יְהִי רָצוֹן מִלִּפְנֵי אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם
שֶׁיִּרְבּוּ זְכֻיּוֹתֵינוּ כְּרִמּוֹן:



בס"ד

# סִימָנִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

➢ שֶׁתְּחַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה:

פַארְוָואס זָאגְט מֶען שָׁנָה טוֹבָה "וּמְתוּקָה" וַוייל גוט אַלֵיין אִיז נִישְׁט גֶענוּג, וַוייל אַפִילוּ אוֹיף שְׁלֶעכְטְס דַארְף מֶען אוֹיךְ זָאגְן גַם זוּ לְטוֹבָה, וֶועגְן דֶעם בֶּעטְן מִיר אַז סְ'זָאל זַיין זִיס אַז מְ'זָאל שְׁפִּירְן אַז סְ'אִיז גוּט.

***

מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ נֶעמֶען הָאנִיג פוּן אַ בִּין, וַוייל אַ בִּין פַּאר וֶוען עֶר גֶעבְּט דִי הָאנִיג בַּייסְט עֶר קוֹדֶם אוּן נָאכְדֶעם גֶעבְּט עֶר דִי הָאנִיג, בֶּעטְן מִיר אַז מְ'זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן "מִידַּת הַדִּין" דָאס אִיז דִי בַּייס, אוּן נָאכְדֶעם אַרַיין גֵיין צוּ "מִידַּת הָרַחֲמִים" דָאס אִיז דִי הָאנִיג.

➢ רֹאשׁ כֶּבֶשׂ:

מְ'פִירְט זִיךְ צוּ עֶסְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט "רֹאשׁ כֶּבֶשׂ" אַ קָאפּ פוּן אַ לֶעמֶעלֶע, כְּדֵי צוּ דֶערְמַאנֶען דִי זְכוּת פוּן עֲקֵידַת יִצְחָק, אַז אַנְשְׁטָאט יִצְחָק הָאט מֶען גֶע'שָׁחְטְ'ן אַ כֶּבֶשׂ, וֶועגְן דֶעם עֶסְט מֶען אַ רֹאשׁ כֶּבֶשׂ.

➢ שֶׁנִּהְיֶה לְרֹאשׁ:

לְרֹא"שׁ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת **לַ**עֲשׂוֹת **רְ**צוֹן **אָ**בִיךְ **שֶׁ**בַּשָּׁמַיִם, צוּ מְרַמֵּז זַיין אַז דִי אִידְן ווילְן מַאכְן דֶעם רָצוֹן פוּן אוּנְזֶער טַאטֶע אִין הִימְל.

➢ דָגִים:

מְ'עֶסְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט פִישׁ אוּן מְ'זָאגְט "שֶׁנִּפְרֶה וְנִרְבֶּה כְּדָגִים", דִי פִישׁ פַארְמֶערְן זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן מְ'בֶּעט אַז דִי אִידְן זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ פַארְמֶערְן.

➢ מִילְגְרוֹים - מֵייעֶרְן:

רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט עֶסְט מֶען מֵייעֶרְן אוּן מְ'זָאגְט "שֶׁיִּרְבּוּ זְכוּיוֹתֵינוּ" וַוייל "מֵייעֶרְן" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "מֶעהְרְן" אוּן מְ'בֶּעט פַאר דִי אֵייבִּישְׁטֶער אַז סְ'זָאל זִיךְ פַארְמֶערְן דִי זְכוּתִים פוּן דִי אִידְן. אַזוֹי אוֹיךְ עֶסְט מֶען אַ מִילְגְרוֹים אוּן מְ'זָאגְט "שֶׁיִּרְבּוּ זְכוּיוֹתֵינוּ כְּרִימוֹן" אִין אַ מִילְגְרוֹים אִיז דָא אַסַאךְ קֶערְנְלֶעךְ אוּן מְ'בֶּעט אַז סְ'זָאל זִיךְ פַארְמֶערְן מֶער אוּן מֶער זְכוּתִים.

בס"ד

# הֶמְשֵׁךְ סִימָנִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

➢ תְּמָרִים - טֵייטְלֶעןְ:

**אוֹיךְ עֶסְט מֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּיינַאכְט תְּמָרִים-טֵייטְלֶען אוּן מְ'זָאגְט "שֶׁיִּתַּמּוּ שׂוֹנְאֵינוּ" אַז אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים זָאלְן פַארְלֶענְדֶט וֶוערְן.**

➢ רוּנְדִיגֶע חַלּוֹת:

**מְ'פִירְט זִיךְ צוּ עֶסְן רוּנְדִיגֶע חַלּוֹת, רוּנְדִיג אִיז אַ פָארֶעם פוּן אַ קְרוֹין, מְרַמֵּז צוּ זֵיין אַז מִיר בַּאקְרוֹינֶען דֶער אֵייבִּישְׁטֶער, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בֵּיים דַאוֶוענֶען "וּבְכֵן לְךָ הַכֹּל יַכְתִּירוּ", אוּן "כֶּתֶר יִתְּנוּ לְךָ".**

***

**נָאךְ אַ טַעַם פַארְוָואס מְ'עֶסְט רוּנְדִיגֶע חַלּוֹת, וֵוייל אַ רוּנְדִיגֶע זַאךְ הָאט נִישְׁט קֵיין עֶק אוּן נִישְׁט קֵיין סוֹף, דֶערְפַאר אִיז עֶס אַ גוּטֶע סִימָן אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים.**

➢ שְׁלָאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה:

**מְ'פִירְט זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁלָאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּייטָאג, כְּדֵי מְ'זָאל נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן דִי מַזָּל.**

➢ אֶגוֹז:

**מְ'פִירְט זִיךְ נִישְׁט צוּ עֶסְן נִיס אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, וֵוייל "אֶגוֹז" אִיז בְּגִימַטְרִיָא "חֵטְא", אֶגוֹז אִיז בְּגִימַטְרִיָא 18, אוּן חֵטְא אִיז אוֹיךְ בְּגִימַטְרִיָא 18, דֶערִיבֶּער פִירְט מֶען זִיךְ אַז מְ'עֶסְט נִישְׁט קֵיין נִיס.**

| | |
|---|---|
| **א = 1** | **ח = 8** |
| **ג = 3** | **ט = 9** |
| **ו = 6** | **א = 1** |
| **ז = 7** | **18** |
| **18** מיטן כולל | |

**אַזוֹי אוֹיךְ עֶסְט מֶען נִישְׁט קֵיין זוֹיעֶרֶע זַאכְן בִּיז נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, סְ'זָאל זֵיין נָאר אַ זִיס יָאר פַאר אִידְן.**

בס"ד

# שַׁאֲלוֹת אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

## מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

וֶוען וואוּנְטְשְׁט מֶען לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם לְאַלְתַּר לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם ?

- ❑ דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה
- ❑ דִי צְווייטֶע נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה

דִי סֵדֶר פוּן דִי טֶעג ?

- ❑ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּיפּוּר, שַׁבַּת שׁוּבָה
- ❑ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבַּת שׁוּבָה, יוֹם כִּיפּוּר
- ❑ שַׁבַּת שׁוּבָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּיפּוּר

וָואס זָאגְט מֶען בַּיי יַעֲלֶה וְיָבֹא ?

- ❑ יוֹם תְּרוּעָה הַזֶּה
- ❑ יוֹם הַדִּין הַזֶּה
- ❑ יוֹם הַזִּיכָּרוֹן הַזֶּה

דִי סֵדֶר פוּן דִי תְּפִילוֹת ?

- ❑ שַׁחֲרִית, מוּסַף, תְּקִיעַת שׁוֹפָר
- ❑ תְּקִיעַת שׁוֹפָר, שַׁחֲרִית, מוּסָף
- ❑ שַׁחֲרִית, תְּקִיעַת שׁוֹפָר, מוּסָף

דִי סֵדֶר פוּן דִי בְּרָכוֹת ?

- ❑ שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה
  אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לִשְׁמֹעַ קוֹל שׁוֹפָר
- ❑ אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לִשְׁמֹעַ קוֹל שׁוֹפָר
  שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה

דִי סֵדֶר פוּן דִי תְּקִיעוֹת ?

- ❑ תְּקִיעָה, תְּרוּעָה, שְׁבָרִים
- ❑ תְּרוּעָה, תְּקִיעָה, שְׁבָרִים
- ❑ תְּקִיעָה, שְׁבָרִים, תְּרוּעָה

דִי סֵדֶר פוּן דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף ?

- ❑ זִכְרוֹנוֹת, מַלְכִיּוֹת, שׁוֹפְרוֹת
- ❑ מַלְכִיּוֹת, זִכְרוֹנוֹת, שׁוֹפְרוֹת
- ❑ מַלְכִיּוֹת, שׁוֹפְרוֹת, זִכְרוֹנוֹת

דִי סֵדֶר פוּן מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה ?

- ❑ וּתְשׁוּבָה וּתְפִילָה וּצְדָקָה
- ❑ וּתְפִילָה וּתְשׁוּבָה וּצְדָקָה
- ❑ וּתְשׁוּבָה וּצְדָקָה וּתְפִילָה

# פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער בַּאשְׁטִימְט צוּ מִשְׁפְּטְ'ן דִי וֶועלְט אִין חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי?

וֵוייל אִין חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי זֶענֶען דִי אִידְן מְקַיֵּים זֵייעֶר אַסַאךְ מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים מֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע חֳדָשִׁים פוּן יָאר אוּן דִי זְכוּתִים פוּן דִי אַלֶע מִצְוֹות וֶועט אוּנְז אַוודְאֵי הֶעלְפְן בַּיים יוֹם הַדִין.

## שְׁרַייבּ אַרַיין יֶעדֶע מִצְוָה – מִנְהָג וֶועלְכֶע חוֹדֶשׁ אִיז מֶען עֶס מְקַיֵּים ?

בְּלָאזְן שׁוֹפָר ____________________

לֵיינֶען דִי מְגִילָה ____________________

שָׁאקְלֶען ד' מִינִים ____________________

אָנְצִינְדְן חֲנוּכָּה לִיכְט ____________________

עֶסְן דִי נַיינְטֶע טָאג אִין חוֹדֶשׁ ____________

זִיצְן אִין דִי סוּכָּה ____________________

פַאסְטְן דִי צֶענְטֶע טָאג מִיט בֵּייַנאַכְט ____________

פַאסְטְן דִי צֶענְטֶע טָאג אָן בֵּייַנאַכְט ____________

זָאגְן תַּשְׁלִיךְ ____________________

שִׁיקְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת ____________________

קְלָאגְן אוֹיפְן חוּרְבָּן ____________________

טַאנְצְן הַקָּפוֹת ____________________

נִישְׁט זֶעהְן קֵיין חָמֵץ ____________________

קְלַאפְּן הוֹשַׁעְנוֹת ____________________

בס"ד

# שְׁרייבּ אַרײַן דִי אוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבָה אִין זַיין שַׁאֲלָה

- ❑ מ'פִּירְט זִיךְ צוּ פַאסְטְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָׁנָה בִּיז ?
- ❑ מ'פִּירְט זִיךְ צוּ מַאכְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָׁנָה ?
- ❑ מ'פִּירְט זִיךְ צוּ גֵיין עֶרֶב רֹאשׁ הַשָׁנָה ?
- ❑ עֶרֶב רֹאשׁ הַשָׁנָה פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ קוֹיפְן ?
- ❑ רֹאשׁ הַשָׁנָה מִשְׁפָּט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער ?
- ❑ דֶער חַזָן פוּן רֹאשׁ הַשָׁנָה טוּט זִיךְ אָן ?
- ❑ רֹאשׁ הַשָׁנָה פִּירְט מֶען זִיךְ נִישְׁט ?

- ❑ פוּן רֹאשׁ הַשָׁנָה בִּיז יוֹם כִּיפּוּר לֵייגְט מֶען צוּ בֵּיים דַאוֶּוענֶען פַאר יוֹצֵר אוֹר ?
- ❑ שַׁבָּת שׁוּבָה זָאגְט דֶער רָב ?
- ❑ פוּן רֹאשׁ הַשָׁנָה בִּיז נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג עֶסְט מֶען נִישְׁט ?
- ❑ פוּן רֹאשׁ הַשָׁנָה בִּיז נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג עֶסְט מֶען בֵּיי דִי יוֹם טוֹב'דִיגֶע סְעוּדָה ?
- ❑ דִי תַּעֲנִית פוּן נָאךְ רֹאשׁ הַשָׁנָה הֵייסְט ?
- ❑ שַׁבָּת נָאךְ רֹאשׁ הַשָׁנָה הֵייסְט ?







וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אֵיינֶע פוּן דִי תְּפִילוֹת וָואס מְ'בֶּעט בֵּיי אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ

__ __ __

__ __

__ __ __

__ __ __ __ __

בס״ד

# רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעדֶענְקְט אוּן גֶעהָאלְפְן צַדִיקִים

רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט שָׂרָה גֶעבּוֹירְן ________________

רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט רָחֵל גֶעבּוֹירְן ________________

רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט חַנָה גֶעבּוֹירְן ________________

יוֹסֵף אִיז אַרוֹיס פוּן ________ נָאךְ ____ יָאר

דִי ________ הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ אַרְבֶּעטְן אִין ________

## שְׁרֵייבּ אַרֵיין דִי תְּשׁוּבוֹת:

- שְׁמוּאֵל הַנָבִיא
- יוֹסֵף
- אִידְן
- יִצְחָק
- מִצְרַיִם
- תְּפִיסָה
- 12

בס"ד

# שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבָה אִין זַיין שַׁאֲלָה

(דִי תְּשׁוּבוֹת אִיז אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע עָמוּד)

וַוייל מְ'ווִיל נִישְׁט אַז דֶער שָׂטָן זָאל ווִיסְן אַז סְ'קוּמְט שׁוֹין רֹאשׁ הַשָּׁנָה עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף דִי אִידְן.

1) וַוייל מְ'דַארְף אָפְּטֵיילְן צְווִישְׁן דִי בְּלָאזְן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוָה דְרַבָּנָן, צְווִישְׁן בְּלָאזְן שׁוֹפָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה.

2) וַוייל מְ'ווִיל פַארְמִישְׁן דִי שָׂטָן אַז עֶר הֶערְט אַז מְ'בְּלָאזְט שׁוֹין נִישְׁט מֵיינְט דֶער שָׂטָן אַז סְ'אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מָארְגְן וֶוען מְ'בְּלָאזְט נָאכְאַמָאל וֶוערְט עֶר מֶער צוּמִישְׁט, אוּן עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְ'ס אוֹיף דִי אִידְן.

וַוייל דִי אִידְן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶועט אוּנְז פַארְשְׁרַייבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי אִידְן צוּ אַרְבֶּעטְן אִין מִצְרַיִם ?

וַוייל דִי שְׁכִינָה רוּהְט אַוואוּ סְ'אִיז דִי תּוֹרָה ?

וַוייל מְ'ווִיל נִישְׁט אַז אוּנְזֶער מַזָל זָאל זַיין אַ פַארְשְׁלָאפֶענֶע מַזָל ?

וַוייל דֶער אֵייבִּישְׁטֶער עֶפְנְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה סִפְרֵי חַיִים אוּן סִפְרֵי מֵתִים אוּן וֶוען סְ'אִיז אָפְן סִפְרֵי מֵתִים קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן קֵיין לוֹיב

וַוייל פִישׁ זֶענֶען אַ גַאנְצֶע צַייט מִיט אָפֶענֶע אוֹיגְן אוּן זֵיי שְׁלָאפְן נִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעטְן מִיר דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אַז עֶר זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן מִיט אָפֶענֶע אוֹיגְן פוּן אָנְהֵייבּ יָאר בִּיז סוֹף יָאר

1) וַוייל מְ'ווִיל מְעוֹרֵר זַיין דִי זְכוּת פוּן דִי עֲקֵידָה - וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה, הָאט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ וַואסֶער אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אַרִיבֶּער גֶעלָאזְט אַבְרָהָם מִיט יִצְחָק, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען אַרַיין טִיף אִין דִי וַואסֶער סְ'אִיז זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז זֵייעֶר הַאלְז.

2) מְ'קֶען זִיךְ אַרוֹיס לֶערְנֶען פוּן דִי יַם, אַז אַ טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרַיין זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין יַם וֶוערְט עֶר אִין אֵיין רֶגַע טָהוֹר, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען אִין אֵיין רֶגַע תְּשׁוּבָה טוּהְן.

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ תְּפִלָּה וָואס מְ'זָאגְט עֶס יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאגְט מֶען עֶס אוֹיךְ אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען

_ _ _ _ _     _ _ _ _

בס"ד

# דִי תְּשׁוּבוֹת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע עָמוּד

**ש** — זָאגְט מֶען נִישְׁט קֵיין הַלֵל אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**ע** — בֶּענְטְשְׁט מֶען נִישְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שַׁבָּת פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹ ווִי יֶעדֶע שַׁבָּת פַאר רֹאשׁ חוֹדֶשׁ

**ח** — זָאגְט מֶען תַּשְׁלִיךְ בֵּיי דִי וַואסֶער אָדֶער בֵּיים יַם ?

**ל** — שְׁלָאפְט מֶען נִישְׁט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּייטָאג

**ב** — זָאגְט מֶען תַּשְׁלִיךְ וואו סְ'אִיז דָא לֶעבֶּעדִיגֶע פִישׁ ?

**ל** — בְּלָאזְט מֶען נִישְׁט שׁוֹפָר עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה ?

**י** — שֶׁערְט מֶען זִיךְ דִי הָאר מִיט דִי נֶעגְל, מְ'טוּט אָן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, מְ'קָאכְט אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, אוּן מְ'אִיז נִישְׁט אָנְגֶעצוֹיגְן אַזוֹי ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער ווֶען עֶר גֵייט צוּ אַ מִשְׁפָּט

**ו** — בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר בֵּיי דִי בִּימָה

**נ** — זָאגְט מֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּיי קִידוּשׁ זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם

בס"ד

# טַעֲמִים אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן תְּקִיעַת שׁוֹפָר

## צוּ אַ פַּאס צוּ זַיין בִּילְד

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעוָוארְן קֶענִיג אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וֶועגְן דֶעם בְּלָאזְט מֶען צוּ מַמְלִיךְ זַיין דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.



רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, בְּלָאזְט מֶען צוּ דֶערְמַאנֶען צוּ תְּשׁוּבָה טוּהְן.



צוּ גֶעדֶענְקֶען דֶער מַעֲמַד קַבָּלַת הַתּוֹרָה וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעבְּלָאזְן



צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי עֲקֵידַת יִצְחָק וָואס יִצְחָק הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער אוּן וֶועגְן דֶעם בְּלָאזְט מֶען מִיט אַ שׁוֹפָר פוּן אַ אַיִל וָואס דִי אַיִל הָאט אַבְרָהָם גֶע'שָׁחְטְ'ן אַנְשְׁטָאט יִצְחָק



דֶער קוֹל הַשּׁוֹפָר דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ וָואס דֶעמָאלְטְס הָאבְּן אוּנְזֶערֶע פֵיינְט דִי שׂוֹנְאִים דִי רְשָׁעִים גֶעבְּלָאזְן מִיט טְרָאמְפֵּייטֶערְס בֶּעט מֶען אַז מְ'זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בִּנְיַן בֵּית הַמִקְדָּשׁ



צוּ אוּנְז דֶערְמַאנֶען אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין תְּחִיַית הַמֵתִים דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען אוֹיךְ בְּלָאזְן מִיט שׁוֹפְרוֹת



בס״ד

# פַארְ'ן בְּלָאזְן מַאכְט דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ צְוֵויי בְּרָכוֹת:




...אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ
בְּמִצְווֹתָיו וְצִיוָּנוּ לִשְׁמוֹעַ
קוֹל שׁוֹפָר

...שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ
וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה

- מְ'טָאר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין מִיט קֵיין שׁוּם רֵייד אַפִילוּ בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ זָאל מֶען אוֹיךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן
- מְ'דַארְף עֶנְטְפֶערְן אָמֵן וֵוייל דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט גֶערֶעכְנְט ווִי מֶען וָואלְט אַלֵיינְס גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה

דֶערְפַאר בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר סֵיי פַאר דִי מוּסָף שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּן סֵיי אִינְמִיטְן דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וֵוייל מִיט דֶעם וֵוייזְן מִיר ווִי שְׁטַארְק מִיר הָאבְּן לִיבּ צוּ טוּהְן דִי מִצְווֹת פוּן דֶער אֵייבִּישְׁטֶער דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְמִישְׁט אוּן עֶר בְּרֶענְגְט נִישְׁט דִי עֲבֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאר דֶער אֵייבִּישְׁטֶער

נָאךְ אַ טַעַם וֵוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען בְּלָאזְן שׁוֹפָר אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען שֶׁחְטְ'ן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ דֶער שָׂטָן אוּן מַלְאַךְ הַמָּוֶת דֶערִיבֶּער אַז עֶר הֶערְט אַז מֶען בְּלָאזְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מֵיינְט עֶר אַז מָשִׁיחַ אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוּן זַיין סוֹף אִיז שׁוֹין דָא בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן קוּמְט נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער

דֶערְפַאר בְּלָאזְט מֶען נָאכְאַמָאל בֵּיי קַדִּישׁ כְּדֵי מֶען זָאל דֶערְמִיט פַארְמִישְׁן דֶעם שָׂטָן דֶעם יֵצֶר הָרָע עֶר זָאל נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דֶעם וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֵייעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגְן טָאג נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן מַאכְן אַ סְעוּדֶה לְכָבוֹד יוֹם טוֹב דֶערִיבֶּער פַארְמִישְׁט מֶען אִים עֶר זָאל נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט רֶעדְן קֵיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען דָאס אֵיינְצִיגֶע בַּאלִיבְּטֶע פָאלְק מִי כְּעַמְךָ יִשְׂרָאֵל

**אַלֶע קוֹלוֹת אִינְאֵיינֶעם וָואס מֶען בְּלָאזְט דוּרְכְן טָאג אִיז (100) הוּנְדֶערְט קוֹלוֹת**

30 פַאר מוּסָף - סְ'וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן תְּקִיעוֹת דִמְיוּשָׁב
30 בֵּיי דִי שְׁטִילֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה - סְ'וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן תְּקִיעוֹת דִמְעוּמָד וֵוייל בִּשְׁעַת דִי תְּקִיעוֹת דַארְף מֶען שְׁטֵיין
30 בֵּיי דִי חֲזָרַת הַשְּׁלִיחַ צִיבּוּר
10 בֵּיי קַדִּישׁ תִּתְקַבֵּל נָאךְ דִי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה

10 מַלְכִיּוֹת
10 זִכְרוֹנוֹת
10 שׁוֹפְרוֹת

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתיסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א
קרית יואל - בני ברק

בס״ד

# דִי זַאכְן וָואס מְ'לֵייגְט צוּ בֵּיים דַאוֶוענֶען עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה

⇐ יֶעדְן טָאג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָאגְט מֶען פַאר יוֹצֵר אוֹר דִי קַאפִּיטְל פוּן תְּהִלִּים "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ ה'".

⇐ בֵּיי דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פַאר "מֶלֶךְ עוֹזֵר וּמוֹשִׁיעַ וּמָגֵן" לֵייגְט מֶען צוּ דִי תְּפִילָּה פוּן "זָכְרֵנוּ לְחַיִּים מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים לְמַעַנְךָ אֱלֹהִים חַיִּים".

⇐ אוֹיךְ פַאר "בָּרוּךְ אַתָּה ה' מְחַיֵּה הַמֵּתִים" לֵייגְט מֶען צוּ "מִי כָמוֹךָ אָב הָרַחֲמָן זוֹכֵר יְצוּרָיו לְחַיִּים בְּרַחֲמִים".

⇐ בֵּיי דִי בְּרָכָה פוּן "אַתָּה קָדוֹשׁ" זָאגְט מֶען "בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ" אַנְשְׁטָאט "הָאֵל הַקָּדוֹשׁ".

⇐ אוֹיךְ בֵּיי "הָשִׁיבָה שׁוֹפְטֵינוּ" זָאגְט מֶען "בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט" אַנְשְׁטָאט "מֶלֶךְ אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט".

⇐ פַאר "וְכֹל הַחַיִּים יוֹדוּךָ סֶּלָה" לֵייגְט מֶען צוּ "וּכְתֹב לְחַיִּים טוֹבִים כָּל בְּנֵי בְרִיתֶךָ"

⇐ אוֹיךְ פַאר "בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַמְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בַּשָּׁלוֹם" לֵייגְט מֶען צוּ "בְּסֵפֶר חַיִּים בְּרָכָה וְשָׁלוֹם וּפַרְנָסָה טוֹבָה וּגְזֵרוֹת טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת נִזָּכֵר וְנִכָּתֵב לְפָנֶיךָ אֲנַחְנוּ וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם".

⇐ שַׁבָּת בֵּיינַאכְט נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בֵּיי "מָגֵן אָבוֹת" זָאגְט מֶען "הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ" אַנְשְׁטָאט "הָאֵל הַקָּדוֹשׁ".

## דִי הֲלָכוֹת:

אוֹיבּ מְ'הָאט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן "זָכְרֵינוּ לְחַיִּים", אָדֶער "מִי כָמוֹךָ", "וּכְתוֹב", אָדֶער "בְּסֵפֶר חַיִּים", אוֹיבּ עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט נָאךְ אִינְמִיטְן דִי בְּרָכָה נָאךְ פַאר וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי בְּרָכָה [דָאס מֵיינְט פַאר וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט ה' בֵּיים סוֹף בְּרָכָה "בָּרוּךְ אַתָּה ה'"], קֶען עֶר צוּרִיק גֵיין צוּ דִי בְּרָכָה אוּן עֶס זָאגְן, אוּן אוֹיבּ עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דִי בְּרָכָה דַארְף עֶר נִישְׁט צוּרִיק גֵיין.

אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ טָעוּת אוּן הָאט גֶעזָאגְט "הָאֵל הַקָּדוֹשׁ" אַנְשְׁטָאט "הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ", אוֹיבּ עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט גְלֵייךְ "תּוֹךְ כְּדֵי דִיבּוּר", זָאגְט עֶר גְלֵייךְ "הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ" אוּן סְ'אִיז גוּט, אָבֶער אוֹיבּ סְ'אִיז אַרִיבֶּער מֶער צֵייט וִוי "תּוֹךְ כְּדֵי דִיבּוּר" דַארְף מֶען צוּרִיק אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהֵייבּ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וַוייל דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵיי בְּרָכוֹת אִיז אַזוֹי וִוי אֵיין חָשׁוּבֶ'ע בְּרָכָה.

אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעזָאגְט "מֶלֶךְ אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט" אַנְשְׁטָאט "הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט" אוֹיבּ עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט גְלֵייךְ "תּוֹךְ כְּדֵי דִיבּוּר", זָאגְט עֶר גְלֵייךְ "הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט", אוּן אוֹיבּ סְ'אִיז אַרִיבֶּער מֶער צֵייט וִוי "תּוֹךְ כְּדֵי דִיבּוּר" דַארְף עֶר נִישְׁט צוּרִיק גֵיין, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין דֶערְמַאנְט דִי וָוארְט "מֶלֶךְ" בֵּיי מֶלֶךְ אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט.

בס״ד

# אַלֶע פְּסוּקִים וָואס וֶוערְט גֶעזָאגְט בַּיי דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף

## נֶעם אַרוּם בַּיי יֶעדֶע פָּסוּק וֶוען מְ'זָאגְט עֶס
## בַּיי מַלְכִיּוֹת אָדֶער זִכְרוֹנוֹת אָדֶער שׁוֹפְרוֹת

וַיְהִי קוֹל הַשּׁוֹפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

זֵכֶר עָשָׂה לְנִפְלְאוֹתָיו

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

ד' צְבָאוֹת הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד סֶלָה

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת נֹחַ

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

ד' יִמְלֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת בְּרִיתוֹ

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

בס"ד

# הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע עָמוּד

וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

ד' מָלָךְ גֵּאוּת לָבֵשׁ

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי

כִּי לַד' הַמְּלוּכָה

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

וְהָיְתָה לַד' הַמְּלוּכָה

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

וְקוֹל שׁוֹפָר חָזָק מְאוֹד

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

תִּקְעוּ בַחוֹדֶשׁ שׁוֹפָר
בַּכֶּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

וְכִתְקַע שׁוֹפָר תִּשְׁמָעוּ

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

וְזָכַרְתִּי לָהֶם בְּרִית
רִאשׁוֹנִים

מַלְכִיּוֹת | זִכְרוֹנוֹת | שׁוֹפְרוֹת

בס"ד

# טֵייטְשׁ אוֹיף עִנְיָנֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה

רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּייַנאכְט נָאכְ'ן דַאוֶועֶנֶען
זָאגְט מֶען דָאס

**לְשָׁנָה טוֹבָה** - צוּ אַ גוּט יָאר

**תִּיכָּתֵב** - זָאלְסְטוּ וֶוערְן פַאְרשְׁרִיבְּן

**וְתֵיחָתֵם** - אוּן דוּ זָאלְסְט וֶוערְן פַארְזִיגְלְט

**לְאַלְתַּר** - בַּאלְד

**לְחַיִּים** - צוּם לֶעבְּן

וֶוען מֶען עֶסְט עֶפְּל אֵיינְגֶעטוּנְקֶען אִין הָאנִיג
זָאגְט מֶען דָאס

**יְהִי רָצוֹן** - עֶס זָאל זֵיין דֶער וִוילְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

**שֶׁתְּחַדֵּשׁ** - אַז דוּ זָאלְסְט בַּאנֵייעֶן

**עָלֵינוּ** - אוֹיף אוּנְז

**שָׁנָה טוֹבָה** - אַ גוּט יָאר

**וּמְתוּקָה** - אוּן אַ זִיסֶע יָאר

וֶוען מֶען עֶסְט אַ קָאפּ פוּן אַ פִּישׁ
זָאגְט מֶען דָאס

**יְהִי רָצוֹן** - עֶס זָאל זֵיין דֶער וִוילְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

**שֶׁנִּהְיֶה לְרֹאשׁ** - אַז מִיר זָאלְן זֵיין צוּ אַ קָאפּ

**וְלֹא לְזָנָב** - אוּן נִישְׁט צוּ אַ עֶק [אַ וֵויידְל]

וֶוען מֶען עֶסְט מֵייעֶרְן זָאגְט מֶען דָאס

**יְהִי רָצוֹן** - עֶס זָאל זֵיין דֶער וִוילְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

**שֶׁיִּרְבּוּ** - עֶס זָאלְן זִיךְ פַארְמֶערְן

**זְכִיּוֹתֵינוּ** - אוּנְזֶערֶע זְכוּתִים [מִצְוֹות]

וֶוען מֶען עֶסְט מִילְגְרוֹים זָאגְט מֶען דָאס

**יְהִי רָצוֹן** - עֶס זָאל זֵיין דֶער וִוילְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

**שֶׁיִּרְבּוּ** - עֶס זָאלְן זִיךְ פַארְמֶערְן

**זְכִיּוֹתֵינוּ** - אוּנְזֶערֶע זְכוּתִים [מִצְוֹות]

**כְּרִימוֹן** - אַזוֹי וִוי אַ מִילְגְרוֹים

בֵּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַתָּה גִיבּוֹר זָאגְט מֶען:

**זָכְרֵינוּ** - גֶעדֶענְק אוּנְז

**לְחַיִּים** - צוּם לֶעבְּן

**מֶלֶךְ** - דֶער קֶענִיג

**חָפֵץ** - וָואס עֶר וִויל

**בַּחַיִּים** - אִין לֶעבְּן [אַז מֶען זָאל לָעבְּן]

**וְכָתְבֵינוּ** - אוּן פַארְשְׁרֵייבּ אוּנְז

**בְּסֵפֶר הַחַיִּים** - אִין דֶעם סֵפֶר פוּן לֶעבְּן

בס"ד

**לְמַעַנְךָ** - וֶועגְן דִיר

**אֱלֹקִים** - גָאט

**חַיִּים** - וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג

---

בֵּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַתָּה גִיבּוֹר זָאגְט מֶען:

---

**מִי כָמוֹךָ** - וֶוער אִיז אַזוֹי וִוי דוּ

**אָב הָרַחֲמָן** - אַ פָּאטֶער וָואס הָאט רַחֲמָנוֹת

**זוֹכֵר** - וָואס גֶעדֶענְקְט

**יְצוּרָיו** - זֵיינֶע בַּאשֶׁעפֶּענִישְׁן

**לְחַיִּים** - צוּם לֶעבְּן

**בְּרַחֲמִים** - מִיט רַחֲמָנוֹת

---

בֵּיי דִי בְּרָכָה פוּן וְעַל כּוּלָם זָאגְט מֶען:

---

**וּכְתוֹב** - אוּן פַארְשְׁרֵייבּ

**לְחַיִּים טוֹבִים** - צוּ אַ גוּטֶע לֶעבְּן

**כָּל בְּנֵי** - אַלֶע קִינְדֶער

**בְּרִיתֶךָ** - פוּן דֵיין בּוּנְד [דָאס מֵיינְט דִי אִידְן]

---

בֵּיי דִי בְּרָכָה פוּן שִׂים שָׁלוֹם זָאגְט מֶען:

---

**בְּסֵפֶר חַיִּים** - אִין סֵפֶר פוּן לֶעבְּן

**בְּרָכָה וְשָׁלוֹם** - בֶּענְטְשׁוּנְג אוּן פְרִידְן

**וּפַרְנָסָה טוֹבָה** - אוּן גוּטֶע פַּרְנָסָה

**וּגְזֵירוֹת טוֹבוֹת** - אוּן גוּטֶע גְזֵירוֹת

**יְשׁוּעוֹת** - הִילְף

**וְנֶחָמוֹת** - אוּן טְרֵייסְטוּנְגֶען

**נִזָּכֵר** - זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקְט וֶוערְן

**וְנִכָּתֵב** - אוּן מִיר זָאלְן פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן

**לְפָנֶיךָ** - פַאר דִיר

**אֲנַחְנוּ** - אוּנְז

**וְכָל עַמְּךָ** - אוּן דֵיין גַאנְצֶע פָאלְק

**בֵּית יִשְׂרָאֵל** - דִי הוֹיז גֶעזוּנְט פוּן דִי אִידְן

**לְחַיִּים טוֹבִים** - צוּ אַ גוּטֶע לֶעבְּן

**וּלְשָׁלוֹם** - אוּן צוּ פְרִידְן

---

# שֶׁתְּחַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה

---

בס"ד

# פַארְוָואס פַאסְטְן עֶרְלִיכֶע אִידְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

דער טור בְּרֶענְגְט אַ מָשָׁל צוּ אַ לַאנְד וָואס אִיז שׁוּלְדִיג גֶעוֶוען פַאר זֵייעֶר קֶענִיג שְׁטֵייעֶר גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן אִיהְם נִישְׁט גֶעהַאט בַּאצָאלְט, אִיז דֶער קֶענִיג גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִילִיטֶער אֵיינְצוּמָאנֶען זַיין גֶעלְט, וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען וֵוייט פוּן דִי שְׁטָאט צֶעהְן מִיל, זֶענֶען דִי חָשׁוּבֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט אַרוֹיס מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם קֶענִיג, אוּן זֵיי הָאבְּן אִיהְם גֶעבֶּעטְן אַז אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאהְלְן וָואס זֵיי זֶענֶען אִיהְם שׁוּלְדִיג, זָאל עֶר מוֹחֵל זַיין דֶעם חוֹב, דֶער קֶענִיג הָאט אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן הָאט פַאר זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען אַ דְרִיטְל פוּן דִי חוֹב. - וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאנְטֶער צוּ דִי שְׁטָאט זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען דִי בֵּינוֹנִים פוּן דִי שְׁטָאט מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם קֶענִיג , אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם קֶענִיג דָאס זֶעלְבֶּע וִוי דִי חָשׁוּבֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן, הָאט דֶער קֶענִיג פַאר זֵיי אוֹיךְ מוֹחֵל גֶעוֶוען צְוֵויי דְרִיטְל פוּן דִי חוֹב. - וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאנְט צוּם שְׁטָאט, דֶעמָאלְטְס זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם קֶענִיג דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער קֶענִיג אַלֶעס פַאר זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אָן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פַאסְטְן דִי חָשׁוּבֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אַ דְרִיטְל פוּן דִי עֲבֵירוֹת, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה פַאסְטְן אוֹיךְ דִי בֵּינוֹנִים אוּן דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אִיז מוֹחֵל נָאךְ אַ דְרִיטְל פוּן דִי עֲבֵירוֹת, וֶוען עֶס קוּמְט אָן יוֹם כִּיפּוּר פַאסְטְן אַלֶע אוּן דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

(טוּר אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקפ"א)

## לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם לְאַלְתֵּר לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם

אַזוֹי וִוי יֶעדֶע שַׁבָּת בֵּייַנַאכְט נָאכְ'ן דַאוְוענֶען אִיז דָא צְוֵויי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן אַ מֶענְטְשׁ נָאכְ'ן דַאוְוענֶען, אוֹיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּייַנַאכְט נָאכְ'ן דַאוְוענֶען אִיז דָא צְוֵויי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דִי מַלְאָכִים הֶערְן וִוי אַזוֹי יֶעדֶער וואוּנְטְשְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן "לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם לְאַלְתֵּר לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם" גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיף אִין הִימְל אוּן זֵיי רֶעדְן גוּטְ'ס אוֹיף דִי אִידְן אַז מְ'זָאל אוּנְז פַארְשְׁרֵייבְּן אַ גוּט יָאר.

בס"ד

# הַמֶּלֶךְ

דֶערְפַאר שְׁרַייט מֶען "הַמֶּלֶךְ" וַוייל דָאס אִיז גְלַייךְ צוּ אֵיינֶעם וָועלְכֶער אִיז גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארְן דוּרְךְ רוֹיבֶּער, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן אִיהְם דוּרְךְ גֶעפִירְט צְווִישְׁן פִיל מֶענְטְשְׁן אִין דִי שְׁטָאט פוּן מֶלֶךְ, הָאט עֶר מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן "קֶענִיג!", הָאבְּן זִיךְ דִי רוֹיבֶּער'ס דֶערְשְׁרָאקְן אוּן הָאבְּן אִיהְם תֵּיכֶּף אָפְּגֶעלָאזְט. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ תֵּיכֶּף אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן דִי אִיבֶּערִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי זָאלְן אִיהְם מֶער נִישְׁט דֶערְקֶענֶען.

אַזוֹי אוֹיךְ, מִיר זֶענֶען לֵיידֶער אַ גַאנְץ יָאר גֶעפַאנְגֶען בֵּיים יֵצֶר הָרָע, אָבֶּער יֶעצְט אַז מִיר קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, רוּפְן מִיר אוֹיס מִיט אַ מֶעכְטִיג קוֹל "הַמֶּלֶךְ!", כְּדֵי דָאס זָאל אָנְוַוארְפְן אַ פַּחַד אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע אוּן עֶר זָאל אוּנְז אָפְּלָאזְן, אוּן וִוי נָאר מִיר וֶועלְן הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט לוֹיז צוּ וֶוערְן פוּן אִיהְם אוּן זִיךְ אוֹיסְמִישְׁן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וֶועלְן מִיר שׁוֹין קֶענֶען גֶעהֶערִיג מִתְפַּלֵל זַיין צוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶר פִירְט דָארְט אוֹיס, אַז אוֹיךְ יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען דָאס וָוארְט "הַמֶּלֶךְ", זָאל מֶען דָאס זָאגְן הֶעכֶער וִוי גֶעוֶועהְנְלִיךְ, אוּן גְלַייכְצֵייטִיג זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן טַעַם.

(פוּן דֶער בַּעַל סֵפֶר הַחַיִּים)

# אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר חַיִּים טוֹבִים

מֶען קֶען עֶס מַסְבִּיר זַיין מִיט אַ מָשָׁל, צוּ אַ מַארְק טָאג וֶוען יֶעדֶער קוּמְט קוֹיפְן סְחוֹרָה, וָואס מֶען קֶען דָארְט אַלֶעס אֵיינְקוֹיפְן, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע סְחוֹרָה אִיז דָא וָואס ווִילְן דָאס קוֹיפְן, מוּזְן דִי פַארְקוֹיפֶערְס בִּילִיגֶער מַאכְן דִי פְּרֵייזְן כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען פַארְקוֹיפְן זֵייעֶרֶע סְחוֹרוֹת, אָבֶּער דֶער וָואס פַארְקוֹיפְט בְּרוֹיט וָואס דָאס מוּז יֶעדֶער קוֹיפְן וַוייל אוֹיף בְּרוֹיט לֶעבְּט אַ מֶענְטְשׁ, דַארְף דֶער פַארְקוֹיפֶער נִישְׁט פַארְקוֹיפְן פַאר בִּילִיגֶער וַוייל יֶעדֶער דַארְף צוּ אִיהְם אָנְקוּמֶען דָאס צוּ קוֹיפְן.

דָאס נִמְשָׁל אִיז, אִידְן קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן בֶּעטְן פוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעדֶער לוֹיט וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, נִישְׁט יֶעדֶער בֶּעט דָאס זֶעלְבֶּע, אֵיינֶער בֶּעט רְפוּאוֹת, אֵיינֶער בֶּעט פַּרְנָסָה, אֵיינֶער בֶּעט שִׁידוּכִים, אֵיינֶער בֶּעט אַז עֶר ווִיל רֵייךְ וֶוערְן, אָבֶּער אַז עֶר זָאל בְּלֵייבְּן דָאס יָאר לֶעבְּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אַלֶע בֶּעטְן גְלַייךְ, אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז לֶעבְּן בֶּעט יֶעדֶער אֵיינֶער מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶעם פְּרֵייז פוּן לֶעבְּן זֵייעֶר טֵייעֶר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דֶערְפַאר אַז מֶען זָאל עֶרְלִיךְ מִתְפַּלֵל זַיין דֶערוֹיף אוּן מֶען זָאל דָאס בֶּעטְן מִיט הֵייסֶע אִידִישֶׁע טְרֶערְן, דֶערְפַאר בֶּעטְן מִיר פוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער "כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר חַיִּים טוֹבִים", וַוייל דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער בֶּעט וַוייל יֶעדֶער ווִיל בְּלֵייבְּן לֶעבְּן.

(תִּפְאֶרֶת עוּזִּיאֵל לַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה)

בס"ד

# יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער דֶער "קְדוּשַּׁת לֵוִי" זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר תְּקִיעוֹת שׁוֹפָר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְן אִין דִי תּוֹרָה נָאר אַפָּאר וֶוערְטֶער "יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם" אוּן אוֹיף דִי פָּאר וֶוערטֶער הָאבְן חַזַ"ל גֶעדַרְשְׁנְט אוּן אַרוֹיסגֶעלֶערְנְט אַז דָאס מֵיינְט תְּקִיעָה, שְׁבָרִים, תְּרוּעָה, תְּקִיעָה, אוּן וֶועגְן אַ סָפֵק הָאבְן זִיךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל גֶעפִירְט צוּ בְּלָאזְן הוּנְדֶערְט קוֹלוֹת, אוּן אִין דִי צְוֵויי טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּלָאזְט מֶען צְוֵויי הוּנְדֶערְט קוֹלוֹת מִיט טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער שׁוֹפְרוֹת, אוּן טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער שׁוּהְלְן, טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער יָאר, אוּן צוּזַאמֶען קוּמְט עֶס אוֹיס אַסַאךְ מִילְיָאנֶען תְּקִיעוֹת עַד אֵין שִׁיעוּר וָעֵרֶךְ, אוּן אַנְטְקֶעגְן דֶעם וָואס בֶּעטְן מִיר פוּן דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאלְסְט בְּלָאזְן נָאר אֵיין תְּקִיעָה "תְּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל לְחֵרוּתֵינוּ" אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל יֶעדֶער אֵיינֶער עֶקְסְטֶער דְרֵיי מָאל אַ טָאג שׁוֹין צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר פוּן דִי חוּרְבָּן בַּית הַמִקְדָשׁ, אוּן מְ'בֶּעט אַז דוּ זָאלְסְט בְּלָאזְן נָאר אֵיין תְּקִיעָה, אִיז פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶרְפִילְן זֵייעֶר גֶעבֶּעט?

## פַארְוָואס דֶעקְט מֶען צוּ דִי שׁוֹפְרוֹת וֶוען מְ'מַאכְט דִי בְּרָכוֹת?

אַ טַעַם פַארְוָואס מְ'דֶעקְט צוּ דִי שׁוֹפְרוֹת וֶוען מְ'מַאכְט דִי בְּרָכוֹת וֵוייל וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעבּוֹיעֶט דִי מִזְבֵּחַ צוּ מַאכְן דִי עֲקֵידָה פַאר זַיין זוּהְן יִצְחָק הָאט עֶר אִים בַּאהַאלְטְן וֵוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז דִי שָׂטָן זָאל אִים מַאכְן אַ פֶעלֶער (מוּם) אוּן עֶר וֶועט זַיין אַ פָּסוּלֶ'ע קָרְבָּן אוּן ווִיבַּאלְד דִי שׁוֹפָר אִיז פוּן הֶערְנֶער פוּן אַ אַיִל, צוּ דֶערְמַאנֶען דִי זְכוּתִים פוּן דִי עֲקֵידָה, וָואס דִי אַיִל הָאט עֶר מַקְרִיב גֶעוֶוען אַנְשְׁטָאט יִצְחָק, דֶערִיבֶּער בַּאהַאלְט מֶען דִי שׁוֹפָר אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם הָאט בַּאהַאלְטְן יִצְחָק.

(שְׁדֵי חֶמֶד)

## קְרַע שָׂטָן

דֶערְפַאר זָאגְן מִיר דִי פְּסוּקִים פַאר דִי תְּקִיעַת שׁוֹפָר:

קוֹלִי שָׁמָעְתָּ אַל תַּעְלֵם אָזְנְךָ לְרַוְחָתִי לְשַׁוְעָתִי:
רֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת וּלְעוֹלָם כָּל מִשְׁפַּט צִדְקֶךָ:
עֲרוֹב עַבְדְּךָ לְטוֹב אַל יַעַשְׁקוּנִי זֵדִים:

שָׂשׂ אָנֹכִי עַל אִמְרָתֶךָ כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב:
טוּב טַעַם וָדַעַת לַמְּדֵנִי כִּי בְמִצְוֹתֶיךָ הֶאֱמָנְתִּי:
נִדְבוֹת פִּי רְצֵה נָא ה' וּמִשְׁפָּטֶיךָ לַמְּדֵנִי:

וֵוייל סְ'אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "קְרַע שָׂטָן", אַז דֶער שָׂטָן זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי אִידְן וָואס זֶענֶען מְקַיֵּים אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה וֶוען זֵיי טוּהְן דֶעמָאלְטְס תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת.

בס"ד

# דֶער מְחַבֵּר פוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילָה וּנְתַנֶה תוֹקֶף

דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם מְחַבֵּר פוּן "וּנְתַנֶה תוֹקֶף" אוּן וִוי אַזוֹי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פוּן יֶענֶע וֶועלְט בֶּעטְן אַז מְ'זָאל מְפַרְסֵם זַיין דִי תְּפִילֶה אִיבֶּערָאל אוּן מְ'זָאל דָאס זָאגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר בַּיים דַאוֶונֶען.

מִיט אַסאַך יָארְן צוּרִיק הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מַאגֶענְצָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן "רַבִּי אַמְנוֹן פוּן מַאגֶענְצָא", וֶועלְכֶער הָאט אוֹיסֶער זַיין צִדְקוּת פַארְמָאגְט אָן אַ שִׁיעוּר אַנְדֶערֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ גָאר שֵׁיין אוֹיסְזֶען, וָואס מִיט דֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים קֶענִיג אוּן זַיינֶע הֶערְן, וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ בַּאקַאנְט גֶעמַאכְט מִיט אִים, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִים צוּ מוּטְשֶׁען אַז עֶר זָאל זִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן שְׁמַדְ'ן. אָבֶּער וִוי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ הָאט עֶר אַוַודְאֵי זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ זֵיי, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ בְּשׁוּם אוֹפֶן.

וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען אַז אַלֶע זַיינֶע בַּקָשׁוֹת הֶעלְפְן נִישְׁט, הָאט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק פַארְלֵייגְט אוֹיף רַבִּי אַמְנוֹן, אוּן עֶר הָאט מִיט אַזַא פֶעסְטְקֵייט גֶעפָאדֶערְט פוּן אִים אַז עֶר זָאל זִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן שְׁמַדְ'ן, אַז רַבִּי אַמְנוֹן הָאט זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעקֶענְט קֵיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים.

כְּדֵי דֶער קֶענִיג זָאל אִים אָפְּלָאזְן, הָאט רַבִּי אַמְנוֹן אוֹיסְגֶערוּפְן "זָאל מִיר דֶער קֶענִיג גֶעבְּן דְרֵיי טֶעג אִיבֶּער צוּטְרַאכְטְן דֶעם עִנְיָן אוּן בַּאשְׁלִיסְן צִי אִיךְ זָאל מִיךְ שְׁמַדְ'ן" - כָאטְשׁ בַּיי זִיךְ הָאט עֶר שׁוֹין לַאנְג בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט עֶס אַוַודְאֵי נִישְׁט טוּהְן.

אָבֶּער וִוי נָאר עֶר אִיז אַרוֹיס פוּנֶעם קֶענִיג'ס צִימֶער, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן חֲרָטָה צוּ הָאבְּן, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף אִיבֶּער טְרַאכְטְן צִי עֶר זָאל יָא לֵייקֶענֶען אִין בַּאשֶׁעפֶער אָדֶער נִישְׁט. אוּן עֶר אִיז דֶערְפַאר גֶעוָוארְן גָאר שְׁטַארְק צוּבְרָאכְן גֶעוָוארְן בַּיי זִיךְ.

דֶעם דְרִיטְן טָאג הָאט דֶער קֶענִיג גֶעשִׁיקְט אִים רוּפְן, צוּ הֶערְן וָואס עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן - וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶערֶעדְט פוּן פְרִיעֶר.

אָבֶּער רַבִּי אַמְנוֹן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּם קֶענִיג, בִּיז דֶער קֶענִיג הָאט גֶעהֵייסְן מְ'זָאל אִים בְּרֶענְגֶען מִיט דִי גֶעוַואלְד.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט דֶער קֶענִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אוּן הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען נָאךְ וָואס עֶר הָאט אִים גֶעשִׁיקְט רוּפְן.

רַבִּי אַמְנוֹן וָואס הָאט זִיךְ אַלֵיין גֶעוָואלְט בַּאשְׁטְרָאפְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶערֶעדְט מִיט זַיין מוֹיל אַזַא זַאךְ אַז סְ'קֶען זַיין אַז עֶר וֶועט חָלִילָה לֵייקֶענֶען אִין בַּאשֶׁעפֶער, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם קֶענִיג אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ וִויל אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעבְּן מַיין מִשְׁפָּט, דֶער מִשְׁפָּט זָאל זַיין, אַז דִי צוּנְג וָואס הָאט גֶעזָאגְט לִיגְנְט אַז אִיךְ וֶועל יָא קוּמֶען זָאל אָפְּגֶעשְׁנִיטְן וֶוערְן.

בס"ד

הָאט דֶער קֶענִיג גֶעעֶנְטְפֶערְט, דִי צוּנְג הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, זִי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט קֵיין לִיגְנְט, אִיךְ וֶועל בַּאשְׁטְרָאפְן דִי פוּס וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען גְלֵייךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֵייסְן, און אוֹיךְ דִי אִיבֶּרִיגֶע טֵיילְן פוּנֶעם גוּף וֶועל אִיךְ פֵּיינִיגְן.

און גְלֵייךְ הָאט טַאקֶע דֶער קֶענִיג בַּאפוֹילְן מְ'זָאל אִים אָפְּהַאקְן דִי פִינְגֶערְס פוּן דִי הֶענְט און פוּן דִי פוּס, און נָאךְ יֶעדְן פִינְגֶער וָואס מְ'הָאט פוּן אִים אָפְּגֶעהַאקְט, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר אִיז גְרֵייט צוּ לֵייקֶענֶען אִין בַּאשֶׁעפֶער, און אוֹיבּ עֶר וֶועט זָאגְן אַז יָא וֶועט עֶר וֶוערְן בַּאפְרֵייט.

אָבֶער רַבִּי אַמְנוֹן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יִסוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן הָאט אַוַדְאֵי נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, און עֶר הָאט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ גֶעלָאזְט וֵוייטֶער פֵּיינִיגְן, וִוי אֵיידֶער זִיךְ אוּנְטֶער צוּגֶעבְּן חָלִילָה.

וֶוען דֶער אַכְזָרִיוּת'דִיגֶער שְׁפִּיל אִיז פַארְטִיג גֶעוָוארְן, הָאט דֶער קֶענִיג בַּאפוֹילְן מֶען זָאל לֵייגְן דִי אַלֶע אָפְּגֶעהַאקְטֶע פִינְגֶערְ'ס אוֹיף רַבִּי אַמְנוֹן'ס בֶּעט נֶעבְּן אִים און אַזוֹי אִים אַהֵיים טְרָאגְן.

רַבִּי אַמְנוֹן הָאט זִיךְ מִיט רֶעכְט פַארְדִינְט דֶעם נָאמֶען "אַמְנוֹן" וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "אֱמוּנָה", צוּ אָנְוֵוייזְן אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע אֱמוּנָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין בַּאשֶׁעפֶער, און פַאר זַיין אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעלָאזְט פֵּיינִיגְן מִיט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע יִסוּרִים.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה, הָאט רַבִּי אַמְנוֹן גֶעבֶּעטְן אַז מְ'זָאל אִים פִירְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ מִיט זַיין בֶּעט און מְ'זָאל אִיהְם לֵייגְן נֶעבְּן דֶעם חַזָן דֶער שְׁלִיחַ צִיבּוּר.

פַאר קְדוּשָׁה הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פַארְ'ן שְׁלִיחַ צִיבּוּר אַז עֶר זָאל אִים לָאזְן זָאגְן עֶפֶּעס אַ נַייעֶ תְּפִלָּה וָואס עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען מְקַדֵשׁ זַיין שֵׁם שָׁמַיִם, און עֶר הָאט תֵּיכֶּף אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ מֶעכְטִיגֶע קוֹל "וּבְכֵן לְךָ תַעֲלֶה קְדוּשָּׁה", אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶערְ'ס נָאמֶען זָאל שׁוֹין גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן, פּוּנְקְט וִוי עֶס אִיז גֶעהֵיילִיגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ זַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" וָואס עֶר הָאט יֶעצְט מְחַבֵּר גֶעוֶוען, און גְלֵייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ זָאגְן דִי תְּפִלָּה "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" הָאט עֶר אוֹיסְגֶעהוֹיכְט זַיין הֵיילִיגֶע און רֵיינֶע נְשָׁמָה.

מִיט דְרֵיי טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ זַיין תַּלְמִיד רַבִּי קְלוֹנִימוּס בֶּן רַבִּי מְשׁוּלָם און עֶר הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף", און עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל עֶס מְפַרְסֵם זַיין אִיבֶּעראַל און בֶּעטְן אַז מְ'זָאל עֶס זָאגְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

**פוּן דֶעמָאלְטְס אָן אִיז גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת אִין בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה און אוֹיךְ יוֹם כִּיפּוּר.**

בס"ד

# וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצֻלוֹת יָם כָּל חַטֹּאתָם:

דֶעם צְווייטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאכְמִיטָאג נָאךְ דִי סְעוּדָה פִירְט מֶען זִיךְ צוּ גֵיין זָאגְן תַּשְׁלִיךְ, (בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן תַּשְׁלִיךְ אִין דִי טָאג פוּן "שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִידוֹת", ווייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה עֶנְדִיגְט מֶען צוּ דַאוֶוענֶען זֵייעֶר שְׁפֶּעט), דֶער רֶבִּי בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל זַ"ל אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס גֵייט מֶען זָאגְן תַּשְׁלִיךְ, ווייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה מַאכְט מֶען תְּשׁוּבָה, אָבֶער מְ'מַאכְט "תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה" מְ'מַאכְט תְּשׁוּבָה ווייל מְ'הָאט מוֹרָא פוּן דֶעם יוֹם הַדִין, אוּן מְ'ווִיל אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער זָאל אוּנְז פַארְשְׁרֵייבְּן אַ גוּט יָאר, אוּן חַזַ"ל זָאגְן אַז וֶוען מְ'מַאכְט תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה, אִיז אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מְ'הָאט גֶעמַאכְט בְּמֵזִיד, וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף אַ שׁוֹגֵג. וֶועגְן דֶעם וַוארְפְט מֶען אַרֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי עֲבֵירוֹת אִין דִי וַואסֶער, ווייל אוּנְז דַארְף מִיר נִישְׁט אַפִילוּ דִי עֲבֵירוֹת וָואס מְ'הָאט גֶעמַאכְט בְּשׁוֹגֵג. אָבֶער פַאר פֶּסַח דֶעמָאלְטְס אִיז אַ צֵייט וָואס מְ'מַאכְט "תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה", דֶערִיבֶּער גֵייט מֶען דֶעמָאלְטְס שֶׁעפְּן "מַיִם שֶׁלָנוּ", ווייל דֶעמָאלְטְס וֶוערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּער גֶעדְרֵייט אוֹיף זְכֻיוֹת, וֶועגְן דֶעם גֵייט מֶען זוּכְן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מְ'הָאט אַרֵיין גֶעוָוארְפְן אִין יָם בַּיי תַּשְׁלִיךְ, ווִיבַּאלְד דִי עֲבֵירוֹת אִיז גֶעוָוארְן מִצְווֹת, אוּן מְ'שֶׁעפְּט אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ פַארְמֶערְן נָאךְ מִצְווֹת.

♦ ♦ ♦

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רַב דֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זָאגְט אַזַא עֶנְלִיכֶע בְּחִינָה אוֹיף סוּכּוֹת, אַז יוֹם טוֹב סוּכּוֹת "זְמַן שִׂמְחָתֵינוּ" אִיז אַ צֵייט וָואס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער מַאכְן תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ אוֹיפְן פָּסוּק "וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן", זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ "רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲווֹנוֹת", אַז דֶעמָאלְטְס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג וָואס מְ'הֵייבְּט אָן צוּ רֶעכְעֶנֶען דִי עֲבֵירוֹת, ווייל מְ'ווִיל צוּרִיק נֶעמֶען דִי עֲבֵירוֹת, ווִיבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּער גֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְווֹת, אוּן דָאס אִיז דִי עִנְיָן פוּן "נִיסּוּךְ הַמַּיִם" וָואס אִיז גֶעוֶוען סוּכּוֹת אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ, מְ'גִיסְט וַואסֶער כְּדֵי מְ'זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי עֲבֵירוֹת וָואס מְ'הָאט אַרֵיין גֶעוָוארְפְן אִין וַואסֶער בַּיי תַּשְׁלִיךְ, ווייל יֶעצְט וֶועט עֶס שׁוֹין זַיין אַסַאךְ מִצְווֹת.

♦ ♦ ♦

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זַ"ל הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מְקַנֵּא", הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: וָואס הָאט דֶער רֶבִּי מִיךְ צוּ מְקַנֵּא זַיין, הָאט אִים דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רַב גֶעזָאגְט: ווייל אוֹיבּ דוּ מַאכְסְט יֶעצְט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה וֶועלְן אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אִיבֶּער גֶעדְרֵייט אוֹיף זְכֻיוֹת, אוּן דוּ הָאסְט דָאךְ אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַסַאךְ מִצְווֹת.

הָאט דֶער בַּעַל עֲבֵירָה אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי, אוֹיבּ אַזוֹי אִיז אֶפְשָׁר כְּדַאי צוּ וַוארְטְן אַבִּיסְל, אוּן דֶערְווייל אָנְזַאמְלֶען נָאךְ עֲבֵירוֹת, אוּן נָאכְדֶעם תְּשׁוּבָה טוּהְן, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶס וֶוערְן אַסַאךְ מִצְווֹת. עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער קְדוּשַׁת לֵוִי: "נֵיין, חַזַ"ל זָאגְן אַז אֵיינֶער זָאגְט "אֶחֱטָא וְאָשׁוּב" אַז אִיךְ וֶועל זִינְדִיגְן

בס"ד

און נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן, אִיז "אֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז עֶס הֶעלְפְּט אִים נִישְׁט קֵיין תְּשׁוּבָה.

דֶער בַּעַל עֲבֵירָה הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט, און מִיט גְרוֹיס חוּצְפָּה הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְן קְדוּשַׁת לֵוִי, און אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט אַ אַנְדֶערֶע טַייטְשׁ אִין דִי מַאֲמַר חַזַ"ל, און דוּ בִּיזְסְט מַמְלִיץ טוֹב אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, (ווי בַּאקַאנְט אִיז דֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעוֶוען אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אֵייבִּיג גֶעזוּכְט צוּ טְרֶעפְן זְכוּתִים אוֹיף דִי אִידְן אֲפִילוּ אוֹיף דִי גְרֶעסְטֶע בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת), און דוּ טַייטְשְׁט: אַז אֵיינֶער זָאגְט "אֶחֱטָא וְאָשׁוּב" אַז אִיךְ וֶועל זִינְדִיגְן און נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן, אִיז "אֵין מַסְפִּיקִין", אִיז נִישְׁט קֵיין "סָפֵק", אַז "בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז עֶס הֶעלְפְּט אִים קֵיין תְּשׁוּבָה.

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער קְדוּשַׁת לֵוִי מִיט פָּאטֶערְלִיכְקֵייט: "נֵיין, מֵיין קִינְד, דֶעם טֵייטְשׁ זָאג אִיךְ נָאר פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶער צוּ מֵלִיץ יוֹשֶׁר זֵיין אוֹיף דִי אִידְן כְּדֵי עֶר זָאל זֵיי מוֹחֵל זֵיין, אָבֶּער פַאר דִיר זָאג אִיךְ דִי רִיכְטִיגֶע פְּשַׁט, אַז אֵיינֶער זָאגְט "אֶחֱטָא וְאָשׁוּב" אַז אִיךְ וֶועל זִינְדִיגְן און נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן, אִיז "אֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז עֶס הֶעלְפְּט אִים נִישְׁט קֵיין תְּשׁוּבָה. דֶער קְדוּשַׁת לֵוִי הָאט אִים וַויְיטֶער גֶע'מוּסֶר'ט, און אִים גֶעזָאגְט: פַארְוָואס וַוארְטְסְטוּ, טוּה תְּשׁוּבָה ווי שְׁנֶעלֶער וַוייל שְׁפֶּעטֶער וֶועט שׁוֹין נִישְׁט הֶעלְפְן קֵיין תְּשׁוּבָה חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּנֶעם בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רַב, און הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין, און אִיז אִים גֶעפַאלְן צוּ דִי פוּס, אַז עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה וָואס עֶר זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן, און אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ רִיכְטִיגֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה און הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוֹיף אַלֶע זַיְינֶע עֲבֵירוֹת.

◆ ◆ ◆

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה, אַז וֶוען דֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זַ"ל אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵיין רֶבִּי דֶער רֶבִּי ר' מֶענְדֶעלֶע רִימִינוֹבֶער זַ"ל צוּ זָאגְן תַּשְׁלִיךְ, און וֶוען דֶער רֶבִּי ר' מֶענְדֶעלֶע הָאט אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְט זֵיין רֶעקְל נָאךְ תַּשְׁלִיךְ אַרַיינְצוּוַוארְפְן דִי עֲבֵירוֹת, הָאט זִיךְ דֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב אַרָאפּ גֶעבּוֹיגְן צוּ אוֹיפְהֵייבְּן דִי עֲבֵירוֹת פוּן זֵיין רֶבִּי, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי עֲבֵירוֹת וָואס זֵיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' מֶענְדֶעלֶע פוּן רִימִינוֹב, אִיז בֵּיי אִים אַזוֹי ווי מִצְווֹת.

◆ ◆ ◆

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זַ"ל אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען זָאגְן תַּשְׁלִיךְ, און מִיט אִים זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם, אַלֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס, און דֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב אִיז גֶעפָארְן מִיט אַ פֶערְד און וָואגְן, הָאט דֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב גֶעזָאגְט מִיט זֵיין גְרוֹיס עֲנִיווּת: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל פֶּעקְלֶעךְ מִיט עֲבֵירוֹת אַרֵיין צוּ וַוארְפְן בֵּיי תַּשְׁלִיךְ, און אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט שְׁלֶעפְּן אַלֵיין, דֶערִיבֶּער דַארְף אִיךְ פָארְן מִיט אַ וָואגְן, אָבֶּער דֶער עוֹלָם וָואס הָאט נָאר אַפָּאר קְלֵיינֶע עֲבֵירוֹת, זֵיי קֶענֶען גֵיין צוּפִיס און מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ דֶעם קְלֵיין פֶּעקְל עֲבֵירוֹת אַרֵיין צוּ וַוארְפְן אִין דִי וַואסֶער בֵּיי תַּשְׁלִיךְ.

בס"ד

# וַויינֶען אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה

מְ'זָאגְט נָאךְ אַ מָשָׁל: סוֹחֲרִים וָואס פְּלֶעגְן אַרִיבֶּער פִירְן סְחוֹרָה פוּן אֵיין לַאנְד צוּ דִי צְווייטֶע, וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט אַרִיבֶּער פִירְן קֵיין סְחוֹרָה נָאר אוֹיב מְ'הָאט בַּאצָאלְט שְׁטֵייעֶר, אוּן עֶס הָאט גֶעקָאסְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, וֶועגְן דֶעם פְלֶעגְן זֵיי עֶס אַרִיבֶּער פִירְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אוּן זֵיי הָאבְּן פַארְדִינְט אַסַאךְ גֶעלְט פוּן דִי סְחוֹרָה, אָבֶּער דִי סַכָּנָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס.

אֵיינֶער פוּן דִי אִידְן וָואס הָאט גֶעוָואלְט אַרִיבֶּער פִירְן סְחוֹרָה צוּ אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, אִיז אִים אֵיינְגֶעפַאלְן אַ גוּטֶע עֵצָה, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ מִיטָה וָואס מְ'לֵייגְט אַרֵיין אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ בֵּיי דִי לְוָיָה, אוּן מְ'הָאט עֶס אָנְגֶעפִילְט מִיט סְחוֹרָה, אוּן מֶען הָאט עֶס צוּגֶעדֶעקְט מִיט אַ טַלִּית, כְּדֵי עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶענוּמֶען צֶען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אָנְגֶעכַאפְּט דִי מִיטָה אוּן מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים בֵּיי דִי לְוָיָה, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרִיבֶּער דִי גְרֶענִיץ רוּאִיגֶערְהֵייט, אוּן דִי שׁוֹמְרִים הָאבְּן זֵיי נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ.

עֶס אִיז אֵיינְמָאל יָא אֵיינְגֶעפַאלְן פַאר אֵיינֶע פוּן דִי שׁוֹמְרִים צוּ אִיבֶּער קוּקְן אוֹיבּ עֶס לִיגְט טַאקֶע דָארְט אַ טוֹיטֶער קֶערְפֶּער, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען וַויינֶען, אַז עֶס אִיז אַ "בִּזָיוֹן הַמֵּת" אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין אוֹיפְדֶעקְן אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, דִי שׁוֹמְרִים הָאבְּן רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי, אַז זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ צוּבְרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס עֶס אִיז זֵיי נִפְטַר גֶעוָוארְן זֵייעֶר קָרוֹב, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע אָפְּגֶעלָאזְט דִי מִיטָה, אוּן זֵיי גֶעלָאזְט גֵיין בְּשָׁלוֹם.

אֵיין זַאךְ אִיז זֵיי אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע, פַארְוָואס זֶעהְט מֶען נִישְׁט אַפִילוּ אוֹיף אֵיינֶער פוּן דִי בַּאגְלֵייטֶער'ס עֶפֶּעס אַ צוּבְרָאכְנְקֵייט, קֵיינֶער לָאזְט נִישְׁט אַרָאפּ קֵיין טְרֶער, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ אוּן קֵיינֶער וֵויינְט נִישְׁט, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן, אַז דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶועלְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט לָאזְן, אוּן זֵיי וֶועלְן מוּזְן בּוֹדֵק זַיין אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַ רִיכְטִיגֶע לְוָיָה, אָדֶער עֶס אִיז נָאר אַ שְׁפִּיל, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל הָאט מֶען זֵיי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן מְ'הָאט אִיבֶּער גֶעקוּקְט אוּן מְ'הָאט זֵיי גֶעכַאפְּט מִיט דִי גְנֵיבָה, אוּן וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ הָאט מֶען זֵיי גְלֵייךְ אֵיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה.

זֶעעֶנְדִיג דֶעם בְּרָאךְ פַאר דִי אוֹיגְן הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ יָאמֶערְלִיכְן גֶעוֵויין, הָאבְּן דִי שׁוֹמְרִים זֵיי גֶעזָאגְט: "טִפְּשִׁים וָואס עֶנְק זֶענֶען, וֶוען עֶנְק וָואלְט גֶעוֵויינְט פְרִיעֶר בֵּיי דִי "לְוָיָה" וָואלְטְן עֶנְק נִישְׁט גֶעדַארְפְט וַויינֶען יֶעצְט"...

דֶער נִמְשָׁל אִיז, בְּמֶשֶׁך פוּנֶעם יָאר אִיז דָא אַסַאךְ מָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט, וֶועגְן פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף אִים, ה' יְרַחֵם. אָבֶּער אוֹיבּ מְ'וֵויינְט "פְרִיעֶר", אוּן מְ'בֶּעט זִיךְ אוֹיס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען פַארְשְׁפָּארְן דִי טְרֶערְן פוּן אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דֶעמָאלְטְס וֶועט דִיר דֶער אֵייבִּישְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן פַארְשְׁרֵייבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

בס״ד

# נֶעם אַרוּם וָואס מְ'זִינְגְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה

| | |
|---|---|
| הַיּוֹם הֲרַת עוֹלָם | זָכְרֵינוּ לְחַיִּים |
| אֲרֶשֶׁת שְׂפָתֵינוּ | בָּרוּךְ הוּא אֱלוֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ |
| יוֹם זֶה מְכוּבָּד | אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ד' |
| וְיֵדַע כָּל פָּעוּל | וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ |
| בָּרוּךְ ד' יוֹם יוֹם | אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ פְּתַח שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם |

# נֶעם אַרוּם דִי זַאכְן וָואס הָאבְּן צוּ טוּהְן מִיט רֹאשׁ הַשָּׁנָה

| | | |
|---|---|---|
| קִיטְל | שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ | אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ |
| אַפִּיקוֹמָן | מִילְגְרוֹים | מֵייעֶרְן |
| וָואגְשָׁאָל | תַּשְׁלִיךְ | שׁוֹפָר |
| מַחְזוֹר | פַּאפָּאטְשְׁן | טֵייטְלֶען |
| מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל | סְעוּדַת הַמַּפְסֶקֶת | תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה |
| ד' מִינִים | קִידוּשׁ לְבָנָה | אַקְדָמוּת |
| וַויין | פִּישׁ | כָּל נִדְרֵי |
| כַּפָּרוֹת | הָאנִיג | עֲלִיָּה לְרֶגֶל |

בס"ד

# נֶעם אַרוּם בַּיי יֶעדֶע שׁוּרֶה וָואס אִיז אַנְדֶערְשׁ

**שׁוּרֶה א':**

רֹאשׁ הַשָּׁנָה - יוֹם טוֹב פֶּסַח - יוֹם כִּיפּוּר - שִׂמְחַת תּוֹרָה

**שׁוּרֶה ב':**

וּתְשׁוּבָה - וּתְפִילָה - וּבִיקּוּר חוֹלִים - וּצְדָקָה

**שׁוּרֶה ג':**

עֶפְּל - מִילְגְרוֹים - טֵייטְלֶען - גֶערְשְׁטְן

**שׁוּרֶה ד':**

יוֹם כִּיפּוּר - זֹאת חֲנוּכָּה - צוֹם גְדַלְיָה - תַּעֲנִית אֶסְתֵּר

**שׁוּרֶה ה':**

הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ - אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ - זָכְרֵנוּ לְחַיִּים - וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף

**שׁוּרֶה ו':**

ד' מִינִים - הַקָּפוֹת - מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת - תְּקִיעַת שׁוֹפָר

**שׁוּרֶה ז':**

צוֹם גְדַלְיָה - תְּקִיעַת שׁוֹפָר - ד' מִינִים - צוֹם כִּיפּוּר

## שְׁרֵייבּ אַרֵיין וָואס אִיז יֶעדֶע שׁוּרֶה

⇐ שׁוּרֶה ______ אִיז "מַעֲבִירִין רוֹעַ הַגְּזֵירָה"

⇐ שׁוּרֶה ______ אִיז "מִצְווֹת דְאוֹרֵייתָא"

⇐ שׁוּרֶה ______ אִיז "טֶעג וָואס מְ'פַאסְט"

⇐ שׁוּרֶה ______ אִיז "סִימָנִים פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה"

⇐ שׁוּרֶה ______ אִיז "יָמִים טוֹבִים פוּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי"

⇐ שׁוּרֶה ______ אִיז "דַאוָועגֶען פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה"

⇐ שׁוּרֶה ______ אִיז "מִצְווֹת פוּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי"

בס"ד

# נֶעם אַרוּם דִי זַאכְן וָואס גֶעהֶערְן צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה



בס״ד

# צוּ אַ פַּאס פוּן דִי וָואגְשָׁאָל צוּ זַיין סֵפֶר


















בס"ד

## פַאנְג אָן צוּ גֵיין פוּן דִי פִיר אוֹתִיוֹת שׁ' וָואס אִיז בֵּיי דִי פִיר זֵייטְן

און טְרֶעף אויס דִי וֶוערְטֶער

# שֶׁתְּחַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה:

# שֶׁנִּהְיֶה לְרֹאשׁ וְלֹא לְזָנָב:

# שֶׁיִּתַּמּוּ שׂוֹנְאֵינוּ:

# שֶׁיִּרְבּוּ זְכֻיּוֹתֵינוּ כְּרִמּוֹן:

מְ'קֶען גֵיין: גְלֵייךְ, אַרוֹיף, אַרָאפּ, רֶעכְטְס, אוּן לִינְקְס, מְ'קֶען זִיךְ אוֹיךְ דְרֵייעֶן אִינְמִיטְן
אָבֶער שִׁיף קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין

| | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ש | ע | ב | נ | ז | ו | נ | י | א | נ | ו | ש | ש |
| ת | ח | ד | ק | ל | א | ל | ו | ש | א | י | ו | י |
| ד | ת | ש | ע | ל | י | נ | י | נ | ר | ל | מ | ת |
| ב | ו | ט | ה | נ | ש | ו | ת | ו | כ | ה | י | י |
| ה | ו | מ | ת | ו | ק | ה | ו | צ | ר | מ | ה | נ |
| ש | י | ר | ב | ו | ז | כ | י | ח | נ | ו | ק | ש |

וֶוען מְ'עֶנְדִיגְט דַארְף מֶען צוּזַאם נֶעמֶען דִי אַלֶע אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹתִיוֹת אוּן עֶס אַרֵיין שְׁרֵייבְּן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע קֶעסְטְלֶעךְ
וואוּ סְ'וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אֵיינֶע פוּן דִי זְכוּתִים וָואס אִידְן בֶּעטְן אַז דִי זְכוּת זָאל הֶעלְפְן פַאר דִי אִידְן אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| | | | | |

| | | | |
|---|---|---|---|
| | | | |

בס״ד

# ז

שְׁרַייב אַרַיין דִי עֶרְשְׁטֶע דִי גְרוֹיסֶע ז׳

3 2 1 3 2 1 3 2 1

נֶעם אַרוֹיס יֶעדֶע דְרִיטֶע אוֹת
אוּן שְׁרַייב עֶס אַרַיין אִין דִי קֶעסְטְלֶעךְ
וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען אַ זַאךְ וָואס מְ׳זָאגְט עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה בַּיי דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה

דִי אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹתִיּוֹת שְׁרַייב אַרַיין אִין דִי קֶעסְטְלֶעךְ
וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַ תְּפִלָּה וָואס מְ׳זָאגְט פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז נָאךְ סוּכּוֹת

דִי אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹתִיּוֹת שְׁרַייב אַרַיין אִין דִי קֶעסְטְלֶעךְ
וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַ תְּפִלָּה וָואס מְ׳זָאגְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי ״אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ״

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

קרית יואל - בני ברק

בס״ד

# אַ תַּשְׁבֵּץ אוֹיף עִנְיָנִים פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

| | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | א | ה | מ | ל | כ | נ | ו | ר | כ | ז | ה | מ | ו | י | ב | י | ש |
| ש | ע | מ | י | ו | ר | ג | ל | י | מ | ל | נ | נ | ו | ו | מ | ל | ז |
| מ | ל | פ | כ | נ | מ | ל | כ | י | ו | ת | ו | מ | ש | ק | ש | כ | ה |
| ו | ת | ש | ל | י | כ | ב | ל | ג | ב | ט | ת | ב | ר | ה | ר | ח | ש |
| ע | מ | ו | י | א | ה | ר | ע | מ | י | ר | ר | ו | ס | ו | ש | ב | ר |
| ק | צ | ר | נ | ל | י | ה | ש | י | ו | י | צ | פ | נ | ו | נ | א | ד |
| ו | א | ד | י | י | ל | נ | ט | ע | מ | ת | ר | ו | ת | פ | ל | ת | ר |
| ל | נ | פ | י | ח | ח | ל | ה | ו | י | י | ת | ת | ק | י | ע | ה | פ |
| ש | ת | א | ב | ק | ע | ה | ש | א | מ | מ | ו | ת | ש | ו | ב | ה | ו |
| ו | י | נ | ו | נ | י | מ | ש | נ | נ | א | ל | מ | ח | ז | ו | ר | ש |
| פ | ה | ע | ו | ר | ת | מ | פ | כ | ה | י | ז | נ | ה | נ | ו | פ | ת |
| ר | ש | ו | פ | ר | ו | ת | ה | ת | ח | ט | ג | נ | ר | ד | ש | ע | ע |
| ר | י | ס | ל | י | ח | ו | ת | ק | ש | מ | ו | י | י | ע | י | מ | י |
| ק | א | פ | פ | י | נ | פ | י | ש | ד | ל | ת | ב | פ | מ | י | נ | ק |
| י | מ | י | מ | נ | ו | ר | א | י | מ | צ | ל | ת | ה | נ | ו | י | ת |
| ב | י | נ | ו | נ | י | מ | ת | ו | נ | ו | ו | ע | ת | ל | י | ח | מ |

1) סְלִיחוֹת
2) יָמִים נוֹרָאִים
3) רֹאשׁ הַשָּׁנָה
4) יוֹם הַזִּכָּרוֹן
5) יוֹם תְּרוּעָה
6) יוֹם הַדִּין
7) לְשָׁנָה טוֹבָה
8) שֶׁהֶחֱיָנוּ
9) חַלָּה עֲגוּלָה
10) עֶפְּל אִין הָאנִיג
11) קָאפּ פִין פִיש
12) מֵייעֶרְן
13) מִילְגְרוֹים
14) טֵייטְלֶען
15) מַחְזוֹר
16) הַמֶּלֶךְ
17) מָאזְנַיִם
18) שְׁלֹשָׁה סְפָרִים נִפְתָּחִים
19) צַדִּיקִים
20) רְשָׁעִים
21) בֵּינוֹנִים
22) לִשְׁמוֹעַ קוֹל שׁוֹפָר
23) תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְּרָשָׁה
24) תְּקִיעָה
25) שְׁבָרִים
26) תְּרוּעָה
27) וּתְשׁוּבָה
28) וּתְפִילָה
29) וּצְדָקָה
30) מְחִילַת עֲווֹנוֹת
31) מַלְכִיּוֹת
32) זִכְרוֹנוֹת
33) שׁוֹפְרוֹת
34) תַּשְׁלִיךְ

וֶוען מְ'עֶנְדִיגְט דִי תַּשְׁבֵּץ דַארְף מֶען צוּזַאם נֶעמֶען דִי אַלֶע אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹתִיוֹת אוּן עֶס אַרַיין שְׁרֵייבְּן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע קֶעסְטְלֶעךְ וֶועסְטוּ טְרֶעפְן 2 תְּפִילוֹת וָואס מְ'בֶּעט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּיי "אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ"

בס"ד

# שְׁרַייבּ אַרַיין דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבֶה אִין דִי קֶעסְטְל

וֶועט אוֹיסְקוּמֶען עֶפֶּעס וָואס מְ'זָאגְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה

וֶועלְכֶע חוּמָשׁ הֵייבְּן אָן דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען ? ☐ ______

וֶועלְכֶע סֵפֶר הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ גֶעמַאכְט ? ☐ ______

וֶועלְכֶע יוֹם טוֹב הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה ☐ ______

וֶועלְכֶע פַּרְשָׁה אִיז דִי לֶעצְטֶע פוּן חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית ? ☐ ______

וִוי אַזוֹי הָאט גֶעהֵייסְן דִי יוּנְגְסְטֶע קִינְד פוּן רָחֵל ? ☐ ______

אִין וָואס טוּנְקְט מֶען אֵיין דִי חַלֶה רֹאשׁ הַשָּׁנָה ? ☐ ______

וִוי אַזוֹי הֵייסְט דִי מִצְוָה פוּן לִיבּ הָאבְּן אַ חַבֶר ? ☐ ______

וָואס דַארְף מֶען טוּהְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל ? ☐ ______

וִויפִיל יָאר זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר ? ☐ ______

וִוי אַזוֹי הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס שְׁוֶוער ? ☐ ______

אַ בְּרָכָה וָואס מְ'מַאכְט יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, עַל נְטִילַת ... ? ☐ ______

וֶועלְכֶע אוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעלֵייגְט פַאר אַבְרָהָם ☐ ______

וִוי אַזוֹי הֵייסְט דִי לֶעצְטֶע פַּרְשֶׁה פוּן אַלֶע פַּרְשִׁיוֹת ? ☐ ______

וִוי אַזוֹי הֵייסְט דִי פַאסְטָאג וָואס אִיז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה ☐ ______

מִיט וָואס שְׁפִּילְט מֶען חֲנוּכָּה ? ☐ ______

מְ'זָאגְט עֶס דְרַיי מָאל אֵיינְס נָאכְן אַנְדֶערְן בַּיים דַאוֶונֶען ☐ ______

וִוי אַזוֹי הֵייסְט דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּן חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת ? ☐ ______

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# הננו מודיעים בזה סדרי הלימודים לחודש תשרי הבעל"ט

- **ערב ראש השנה:** אין לימודים בת"ת.
- **מוצאי שבת שובה:** ריקט מען די זייגער
- **יום א' צום גדלי' (נדחה):** אין לימודים בת"ת.
- **ביום ב' ג' ד':** יתקיימו הלימודים בת"ת כרגיל.
- **ביום ה' שלש עשרה מידות:** עד שעה 12:00 ואחה"צ אין לימודים בת"ת.
- **ביום ו' ערב יום הקדוש:** אין לימודים בת"ת.
- **על ימי בין הזמנים:** יבוא אי"ה הודעה נפרדת.
- **חדר פאנגט זיך אן:** זונטאג פרשת נח כ"ה תשרי בשעה 8:00 בשעטו"מ.

בברכת כתיבה וחתימה טובה

הנהלת הת"ת

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# בפרוס השנה החדשה הבעל"ט
# שלוחה בזה ברכותינו
# לכל הורי התלמידים שיחיו

ברכת שנה טובה, שנת שפע ברכה והצלחה, פרנסה בריוח,

נחת דקדושה מכל צאצאיכם, בבריאות השלימות,

שנת גאולה וישועה לכל בית ישראל

ושיתקבלו תפילותינו לרחמים ולרצון אכי"ר.

*מיר וואונטשן אייך אַ גוט יום טוב*
*און אַ כתיבה וחתימה טובה*
*און פיל נחת פון די קינדער שיחיו*

*וואונטשן:*

**הנהלת הת"ת**